# יידישע קולטור

איקוף

חודש־שריפט פונ'ם
יידישן קולטור־פאַרבאַנד


## אינהאַלט


פון חודש ———————————— א. ג. 3

אַ געשיכטלעכער נס ———————— ה. לייוויק 6

„אייביק" (ליד) ———————— הינדע זאַרעצקי 8

לידער (צו זײַן 100סטן געבוירן יאָר) ———— זישע ווײַנפּער 9

דער איבערברוך ———————— מ. צאַנין 12

נאַטור־מאַרטן און וואַגאַבונדן (לידער) —— מיכאל פעלזענבאַום 13

ישעיהו שפּיגל ———————— אַבֿרהם ליס 15

לידער ———————— גיטעלע שווייד־פישמאַן 20

זייער אַש (ליד) ———————— רחל בוימוואַל 21

שטענצל של מעלה ———————— הירשע־דוד קאַץ 22

איך שטיי אַ פאַרשעמטער בײַם שפּיגל (ליד) ——— חיים שוואַרץ 34

לידער — צו זײַנע 75 יאָר ———— יוסף קערלער 35

יידישער רולעט ———————— דוד וואַלפע 38

צוויי סאָנעטן (צו זײַן 2טער יאָרצײַט) ———— מעינקע קאַץ 43

„בײַם שקיעה־אָקער" (המשך) ———— עלי שעכטמאַן 44

50 יאָר שפּעטער (סוף) ———————— ציליע אײַכענגרין 54

נײַע ביכער ———————————— 61

לזיכּרון, נאָטיצן ———————————— 63




ה. לייוויק
סקולפּטור פון מיכאל מילבערגער

•


מײַ־יוני
1993

3

56סטער יאָרגאַנג

2:00 דאָלער

# שטענצל של מעלה

### (צום צענטן יאָרצײַט)

**• פֿון הירשע־דוד קאַץ** (אָקספֿאָרד)

אַבֿרהם־נחום שטענצל איז אפֿשר ניט געווען דער איינציקער ייִדישער פּאָעט וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַן ערך פֿערציק ווערק בײַם לעבן, קאַרגע פֿופֿציק יאָר רעדאַגירט אַן אייגענעם זשורנאַל, אָנגעפֿירט מיט אַ ליטעראַרישן פֿאַראיין און רעגלמעסיקע פֿאַרזאַמלונגען, געהאַט אַרום זיך אַ „הויף" מיט חסידים. ער איז אָבער זיכער געווען פֿון די גאַר ווייניקע, וואָס זײַנען בײַם לעבן דערהויבן געוואָרן בײַ די חסידים זייערע אַזש ביז צום סטאַטוס פֿון אַ „גורו", אַ מיסטיש־כאַריזמאַטישע פֿיגור וואָס האָט געקענט פֿאַרכישופֿן[1].

געלעבט האָט ער איינער אַליין אין אַ קאַלטער, פֿינצטער, איינזאַמער חורבֿה, אַרומגערינגלט מיט פּאַפּירן און ביכער ביז צו דער סטעליע, אין זײַן באַליבטן ווײַטשעפּל, דער אָרעמער אימיגראַנטישער קוואַרטאַל אין לאָנדאָן וואָס ער האָט אין זײַן פּאָעזיע פֿאַרן „לעצטן שטעטל" באַקרוינט. געווען איז ער אַן אַלטער בחור וואָס איז כּל־ימיו געבליבן מיט אַ צעבראָכן האַרץ איבער זײַן יוגנטגעליבטע, דער דײַטש־ייִדישער פּאָעטעסע עלזע לאַסקער־שילער. אויסגעלעבט האָט ער זיך, שטענצל, אַ קאַרגן יובֿל מיט יאָרן, אין דער סאַמע קרוינשטאָט פֿון בריטאַניע, נאָר און בלויז אויף ייִדיש. אים האָט ניט געאַרט, צי רעדט ער מיט אַ קעלנער אין קאַפֿע, צי מיטן קאָנדוקטאָר אויף אַ רויטן לאָנדאָנער צווייִשטאָקיקן אויטאָבוס, ער האָט גערעדט נאָר ייִדיש. דער טײַטש דערפֿון איז, ניט ייִדיש ווי אַ „קולטור־שפּראַך" און ניט ייִדיש ווי אַ „ליטעראַטור־שפּראַך" נאָר ייִדיש ווי די שפּראַך, און, ווי שטענצל פֿלעגט אָפֿט אָפּמערקן דעם גמר פֿון אַ חקירה: „שוין".

די מאַגנעטישע כּוחות שטענצלס האָבן צו אים צוגעצויגן אַ לעבן־און־טויט געטרײַשאַפֿט סײַ מצד זײַנע לאָנדאָנער פֿאַרערער אין דער וועלט פֿון ייִדיש, סײַ בײַ ניט־ייִדן וואָס האָבן אים געקענט און געשאַצט, זאָל דאָס זײַן די אָרעמע שיכּורים אין ווײַטשעפּל (ער פֿלעגט צו יעדן פֿון זיי אַ בייג טאָן דעם קאָפּ און אַראָפּציען זײַן הוט), צי ענגלישע פּאָעטן וואָס האָבן זײַנע ווערק געקענט פֿון איבערזעצונגען, צי אַ פּאַריזער פּאַטריאָטקע, אַ פֿראַנצייזקע פֿון פֿראַנצויזן־לאַנד וואָס האָט זיך אויסגעלערנט ייִדיש, אַבי קענען לייענען זײַנע לידער.

דער גאַנג, דער שמייכל, די העוויות, דאָס זײַנען אַלץ געווען ניט פֿון טעכנאָלאָגיש־אײַליקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. זיי זײַנען געווען אויסטערליש־שטענצלשע, וואָס האָבן אויסגעשטראַלט מיט אַ מין קדושה, געראָטן אין זײַנע פֿאָרגייער, די דורות שטענצלס אין טשענסטאָכאָווער קרײַז וואָס זײַנען געווען קרובֿ למלכות ניט אין איין חסידישן הויף. זײַן זיס־נעימותדיק קול האָט געהאַט אין זיך די קראַפֿט צו היפּנאָטיזירן. אים זײַנען קיין גשמיותן ניט אָנגעגאַנגען. ער האָט געגעסן אַן איי מיט אַ שטיקל ברויט אַלע טאָג, געגאַנגען אין אַ צעריסענעם, אָפּגעבליאַקעוועטן אָנצוג. מיט דעם אַלעמען איז ער געווען אַ שמח בחלקו, מחמת זײַן „חלק" אין דער אייביקייט איז ניט באַשטאַנען פֿון קיין הײַזער מיט מטלטלין, נײַערט אין אהבֿת ייִדיש לשמה, אַ גרענעצלאָזע ליבשאַפֿט צו ייִדיש.

אַ גאַנץ לעבן האָט ער אויפֿגעהיט דעם גאָר זעלטענעם ייִדישן דיאַלעקט פֿון זײַנע מקומות, אין וועלכע עס זײַנען פֿאַרבליבן בולטע סימנים פֿון אַמאָליקן מערבֿדיקן ייִדיש[2]. אַזוי אַרום, זײַנען די סאַמע רייד זײַנע געווען אײַנגעהילט אין אַן עקזאָטישן לבֿוש.

* * *

אַז מ'זאָל זיך ניט רעכענען מיט די פּאָר יאָר נע־ונד זײַן, פֿון דעמאָלט ווען ער האָט פֿאַרלאָזן טאַטע־מאַמע און ביזן באַזעצן זיך אין בערלין, קען מען שטענצלס לעבן אײַנטיילן אין דרײַ תּקופֿות: די חסידישע קינדהײַט אין פּוילן (טשעלאַדזש,

טשענסטאָכאָוו), פֿון זײַן געבוירן ווערן אין 1897 ביז 1919: די סבֿיבֿה פֿון די דײַטשישע עקספּרע־סיאָניסטן (בערלין, לײַפּציג) פֿון 1921 ביזן נאַצישן דײַטשלאַנד פֿון 1936: לאָנדאָן־ווײַטשעפּל, פֿון יענעם יאָר און ביז צו זײַן טויט, מיט צען יאָר צוריק, אין יאַנואַר 1983.

* * *

ווען דער ערשטער תּקופֿה, אין פּוילן, און ביז צו זײַן קומען צום ייִדיש־פּאָעטישן וואָרט אין בערלין, גיב איך איבער דאָס וואָרט — שטענצלען[3]:

„איך בין געבוירן געוואָרן אין טשעלאַדזש, ז׳ אייר, 1897, דאָס איז בײַ דער שטאָט בענדין, בײַ דער דײַטשער גרענעץ. טשעלאַדזש איז אַ שטעטל פֿון קוילן־גרובן. טויזנטער גויִשע אַרבעטער אין דער ערד. די ייִדן האָבן געהאַט געוועלבער. געווען נײַנציק ייִדן אין דעם גאַנצן שטעטל, נישט מער. מײַן טאַטנס זיידע, דער באָבעס אסתּרלס אַ פֿאָטער — מײַן עלטערזיידע — איז געווען אַ גרויסער רבֿ מיט קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר צוריק. ער איז געווען איינער פֿון די „חבֿרייא”, מיט דודל לעלעווער[4], מיטן חוזה מלובלין[5], די ערשטע וואָס האָבן אָנגעהויבן צו פֿאַרלייגן חסידות אין פּוילן. ער איז געווען אַ גאון, געווען אין בענ־דין. וואָס איך געדענק איז, אַז אַלע יאָר האָט מען געמאַכט נאָך אים יאָרצײַט, ער האָט געהאַט אַן אוהל אויפֿן באַרג, און מ׳האָט דאָרטן געזונגען און געטאַנצט אין זײַן בית־מדרש אין בענדין. צווישן דער משפּחה איז שוין געווען רײַכע, אָרעמע. מ׳האָט אַלע גערעכנט זיך מיטן גרויסן יחוס.

„מײַן עלטערזיידע האָט זיך משדך געווען מיט אַ באַרימטן רבין. דער עלטערזיידע איז געשטאָרבן. נו, קומט דער תּפֿארת שלמה[6] אַרײַן צו דער אלמנה און זאָגט: איך האָב פֿאַר דיר אַ שידוך — דער טשענסטאָכאָווער דיין! זײַן פֿרוי איז פֿאַר אַ יאָרן געשטאָרבן, האָב חתונה מיט אים, ער האָט אויך צוויי טעכטער און צוויי זין, און איר׳ט זיצן בײַ אים. און פֿון דעם שידוך (פֿון צווייטן מאַן, שוין נישט פֿון קיין רבין, נאָר פֿון טשענסטאָכאָווער דיין), איז מײַן טאַטע געבוירן געוואָרן.

„מאַמעס צד: מײַן מאַמעס פֿאָטער איז געווען דער ערשטער ייִד אין טשעלאַדזש, ער איז פֿריִער געווען בענדינער רבֿ. ער איז געוואָרן רײַך און דער טאַטע מײַנער, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט דער מאַמען — זײַן טאָכטער — איז ער געזעסן און געלערנט. שפּעטער איז געווען אַ גרעסערער עולם. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן ייִדן, האָט מען דאָך געברויכט אַ רבֿ, האָט מײַן טאַטע געפּסקנט די שאלות.

„מײַן ברודער ר׳ שלמה שטענצל איז געווען אַ רבֿ און גאון. אָט איז זײַנער אַ ספֿר[7]. ווען ער איז פֿרײַ געוואָרן פֿון די זעלנער, שוין געהאַט פֿיר קינדער, האָט מען אים אויפֿגענומען אין טשעלאַדזש פֿאַר אַ מורה הוראה. פֿון טשעלאַדזש געגאַנגען נאָך סאָסנאָוויץ. אַ גרויסע שטאָט.

„איך בין געווען אַ ווילד ייִנגל. איך האָב נישט געוואָלט לערנען אין חדר, אַרומגעלאָפֿן. געוווינט אין טשעלאַדזש ביז 1911, 1912, דערנאָך אין טשענסטאָכאָוו. אַז מײַן ברודער האָט געלערנט מיט די בחורים האָב איך מיך אויך צוגעזעצט. קיין חדר געדענק איך נישט ריכטיק. אַרומגעגאַנגען שפּילן מיט ייִנגלעך און מיט שקצים. דער טאַטע האָט ניט געהאַלטן פֿון דערציִען. ביסט אין אַ ייִדישער שטוב, איז ווערסטו אַ ייִד.

„איך האָב קיין מאָל נישט געלערנט שרײַבן, גאָרנישט, קיין שום שפּראַך נישט. נאָר איין מאָל איז די מאַמע אַוועקגעפֿאָרן, איך בין אַלט געווען אפֿשר צען יאָר. האָב איך געוויינט. דער טאַטע האָט מיך געוואָלט פֿאַרווײַלן: כ׳ל דיך אויסלערנען שרײַבן.

„אין בית־מדרש האָט מען מיך געהאַלטן פֿאַר אַ פּשטל־זאָגער. דאָרטן איז געווען איינער, ווערקער[8] — אברהם ווערקע האָט איר געהערט, זײַנס אַ ברודער — אַ קאַליע־געמאַכטער שוין, דער פֿאָטער איז געווען אַ שוחט. מיר האָבןביידע זיך געחבֿרט, דער טאַטע איז געווען דערקעגן, געוווּסט אַז ער איז אַ קאַליעדיקער, אָבער פּשוט, ס׳איז געווען צווישן מיר מיט אים

כמעט אַ פֿיזישע ליבשאַפֿט. ער האָט שוין געקענט פּרצן, מענדע־לען, שלום־עליכמען, ער איז שוין געווען אויסגעקאָכט מיט די זאַכן, נאָר פֿאַרדעקט — דער פֿאָטער איז אַ שוחט... דאָס איז שוין געווען אין טשענסטאָכאָוו, איך בין אַלט געווען פֿערצן, פֿופֿצן יאָר. איך האָב געטראָגן פּאות, אַ בערדעלע שוין געהאַט אַ קליינס, דעם טאַטן נישט געוואָלט מצער זײַן.

„איך האָב געלעבט אַזוי־אָ, ווילד. געאַרבעט בײַ אײַזן, בײַ האָלץ, אין גערטנער, בײַ פּויערן. איך האָב געוואָלט פֿאָרן אין ארץ ישׂראל אַלס חלוץ. איך האָב געוואָלט ווערן אַ גערטנער, אַ פּויער, געחלומט דערפֿון. איך פֿלעג גיין צווישן תּבֿואה, פֿעלדער, לאָנקעס. כ'האָב מיך אַרײַנגעדרייט אין אַ חבֿרה חלוצים וואָס מיר האָבן זיך געלערנט בײַ פּויערן. געזען ס'איז נישט פֿאַר מיר, האָב איך מיך אַרויסגעדרייט.

„ווען איך בין אַלט געווען צוואַנציק יאָר האָב איך אָנגעשריבן דאָס ערשטע ליד, אין דער היים, אין טשענסטאָכאָוו. וואָס איז געווען דאָס ליד? איך האָב נישט קיין כּח צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

„איך בין אַוועקגעפֿאָרן פֿון טשענסטאָכאָוו מוצאי־פּסח, 1919. געווען אין האָלאַנד. אָנגעקו־מען אין בערלין אין 1921. געווען דעמאָלט אין בערלין שניאור, בין איך אַרויפֿגעגאַנגען צו אים, ער האָט מיר געגעבן אַ הונדערטער איך זאָל מיך אײַנאָרדענען. איז געקומען צו פֿאָרן ד"ר עליאַ־שעוו, האָט מיך שניאור אָהינגעשיקט צו אים, האָט עליאַשעוו גענומען פֿון מיר לידער, געדרוקט די ערשטע לידער אין ניו־יאָרקער מאָרגן־זשורנאַל אין 1921, אויך אַ גרעסערע דערציילונג פֿון דאָר־פֿישן לעבן דאָרטן געדרוקט, שפּעטער איבערגע־דרוקט אין אַ יידישער צײַטונג אין דאַנציג. ד"ר עליאַשעוו האָט מיר געגעבן דערפֿאַר אַ פֿופֿצי־קער. בין איך שוין געווען אַ „שרײַבער". האָב איך אָנגעהויבן צו לעבן אין בערלין אין קאַפֿע אַזוי ווי אַלע שרײַבער.

„אײנעם אַ טאָג, איך זיץ אין קאַפֿע, קומט אַרײַן רייזען, זלמן רייזען. ער איז צו מיר צוגעקומען, ער האָט אויסגעפֿרעגט, אַראָפּגע־נומען. קיין בילד האָב איך אים נישט געוואָלט געבן, גאָרנישט. רייזען האָט נישט פֿאַרלאַנגט פֿון מיר דער מאַמעס נאָמען, בלויז דעם טאַטנס נאָמען". דו זאָלסט זיך גוט פֿאַרשרײַבן: די מאַמע האָט געהייסן פֿריידל־גענענדל".

* * *

שוין אין די צוואַנציקער יאָרן איז דער יונגער שטענצל געוואָרן אַ „וווּנדערקינד", אָבער ניט אַזוי אין די אויגן פֿון דער יידישער קריטיק אין פּוילן און אַמעריקע, ווי — אין דער דײַטשישער ליטעראַטור. די איבערזעצונגען (ס'רובֿ פֿון לײַפּציגער ד"ר א. זול) פֿון זײַנע לידער און דראַמען האָבן שטאַרק אויסגענומען. די אַדרעיפֿן און האָנאָראַרן פֿון דײַטשישע איבערזעצונגען האָבן אים געקלעקט ניט נאָר אויף חיונה נאָר אויך אויף שיין אַרויסצוגעבן אַלע זײַנע ביכער אין יידישן אָריגינאַל: בערך עלף ביכער און ביכלעך שטענצלס זײַנען אַרויס אין דײַטשלאַנד אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן[10].

דעם גרעסטן דערפֿאָלג האָט אים געבראַכט פֿישערדאָרף[11]. טאָמאַס מאַן האָט דערויף גע־שריבן: „שטענצלס לײדנשאַפֿטלעכע דיכטערישע עמאָציעס, זײַן ליבע צו דער ,וואַרעמער דאַמפֿנדיקער ערד' זײַנען, קאָנטיק, גאַנץ אומרעפֿלעקטירט און אַפֿילו דער פּראָזאַיִקער מוז מקנא זײַן שטענצלס דורכדרינגענדיקע בילדער־קראַפֿט. איך גלייב אַז מען וועט פֿון דעם דאָזיקן נײַעם מאַן אַ סך ריידן"[12].

שטענצלס בערלינער לידער האָבן געצויגן זייער יניקה פֿון דאָרף, וואַלד, און ים. אָט איז זײַן ליבע־ליד „נאַכט־תּפֿילה":

ווי צוויי מאָן־בלומען, וואָס שטייען אין שכנות
און שליסן זיך אין די פֿאַרנאַכט־שעה,
און בייגן זיך שטיל און עניוותדיק,
יעדע פֿאַרשלאָסן אין זיך,
יעדע פֿאַרטיפֿט אין זיך,

אַזוי וועלן מיר זיך בייגן שטיל און עניוותדיק
יעדער פֿאַרשלאָסן מיט זיך,
יעדער פֿאַרטיפֿט אין זיך — — —
ווײַל אַ טײלכל פֿון איין שטראַל
איז געפֿאַלן אין אונדזערע ביידנס הערצער[13].

און זײַן ליד „שיפֿן־רויך":

געהעקלטע שפּיצלעך פֿון בראַבאַנט,
פֿון אָרעמע כאַטקעלעך אין אַנאַנבערג,
פֿון ווײַטע לענדער אין גאָרער וועלט
פֿירן די שיפֿן מיט זיך.

איבן איבער די זײַדענע גאַרדינען,
וואָס טולן צעפֿעכלטע אין ווינט,
איבערן אָפֿענעם פֿענצטער אין זון
צעהענגען די שיפֿן זייערע געהעקלטע שפּיצלעך.

און קלאַפּט דער ווינט ס'פֿענצטער צו!
גאַרדינען פֿאַרוויקלט און פֿאַרפּלאָנטערט,
מיטגעריסן מיט פֿאַלנדיקע שויבן,
מיט שטיקער זון אין טולן און אין זײַדן — — —

וואַשן די כוואַליעס די ברודיקע שפּיצן
פֿון בריסל, פֿון בראַבאַנט, פֿון אַנאַבערג
און פֿון די אָרעמע כאַטקעלעך אין גאָרער וועלט
אויף די רײַב־ברעטלעך אין די געקאַרבטע
ברעגן[14].

אַזש ביז 1936 האָט שטענצל באַוויזן בלײַבן אין בערלין און שאַפֿן נײַע לידער אין זײַן אייגן־אויסגעבויטער פּאָעזיע־וועלט: אין יענעם יאָר זײַנען אַרויס זײַנע לעצטע דרײַ בערלינער אויסגאַבעס, צוויי לידער־ביכער (צווישן הימל און ערד און פֿונדערהיים), און אַ בראָשור לכּבֿוד מענדעלעס הונדערטסטן געבוירן־יאָר[15]. אַז פֿונדערהיים איז אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע פֿון די וואַרשעווער ליטעראַרישע בלעטער, האָט די רעדאַקציע (נחמן מײַזיל?) באַמערקט: „אינעם איצטיקן בערלין זיצט זיך דער לעצטער, אָדער איינער פֿון די לעצטע, ייִדישע דיכטער און פֿירט פּאָעטישע חשבונות מיט זיך, מיט גורל און מיט וועלט"[16]. אין יאַנואַר 1936 האָט שטענצל געהאַט צוגעשיקט אַ קאָרעספּאָנדענץ וואָס מײַזיל האָט אָפּגעדרוקט אויף דער ערשטער זײַט פֿון זשורנאַל אונטערן קאָפּ „אַ מענדעלע אָוונט אין בערלין". שטענצלס רעפּאָרטאַזש הייבט זיך אָן מיטן האָפֿערדיקן זאַץ: „הי, אין בערלין, האָבן זיך פֿערציק ייִדיש־רעדנדיקע מענטשן געגעבן אַ ראַנדעוווּ, און די ליבע איז געווען מענדעלע"[17].

עס האָט אָבער געהאַלטן שמאָל. ווען די געשטאַפּאָ האָט שטענצלען גענומען זוכן, האָבן זײַנע דײַטשישע פֿרײַנט, אַנטי־פֿאַשיסטישע ליטעראַטן, אים אויסבאַהאַלטן ביז וואַנעט זײַנע אַ קריסטלעכע פֿרײַנדינע, אַן ענגלענדער, אַ פּראָפֿעסאָרשע, פֿאַרשטעלט ווי אַ טרויערנדיקע אַלמנה, האָט אים אין אַ העלן טאָג אַרויסגעפֿירט קיין לאָנדאָן אין אַ — טרונע.

* * *

ווען שטענצל איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן האָט נאָך ווײַטשעפּל פּולסירט מיטן שעפֿערישן ייִדישן וואָרט. מאָררים מײַערס טעגלעכע צײַטונג, די צײַט, האָט געבליט, און עס זײַנען אַרויס ביכער און זשורנאַלן. שטענצל האָט מיט אימפּעט באַלד גענומען אַרויסגעבן נײַע ביכער אין לאָנדאָן. אָנגעקומען איז ער אין נאָוועמבער 1936, און נאָך אין יענעם יאָר גיט ער אַרויס אַ ביכעלע לידער, לעצטע נאַכט[18]. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַן אייגענעם חדר.

אַוועק אַ פּאָר יאָר, האָבן היטלערס באָמבעס גענומען פֿאַלן איבער לאָנדאָן. שטענצלס „ענט־פֿער" אויף דער מלחמה איז געווען צו שטאַרקן די געמיטער און דעם גײַסט פֿון די אָרעמע, האָרעפּאַשנע ווײַטשעפּלער ייִדן מיט ייִדיש און ייִדישער ליטעראַטור.

ער האָט אײַנגעאָרדנט ליטעראַרישע נאָכ־מיטיקס אַלע שבת, ווו שרײַבער האָבן פֿאָרגע־לייענט, זינגער האָבן געזונגען און אַקטיאָרן האָבן געשפּילט.

ער האָט גענומען אַרויסגעבן, אַזוי אָפֿט ווי

ס'האָט זיך געלאָזט, זשורנאַלעכלעך. איטלעכער האָט געטראָגן אַן אַנדער נאָמען. עטלעכע בײַשפּילן פֿון 1941: „פֿאַרוויאַנעטע טעג"; „ברע־נענדיקע גאַסן"; „צו דעם אינדזל דאָ"; „טעג פֿון צער"; „ייִדיש שאַפֿן אין לאָנדאָן"; „ייִדיש־לאַנד". לאַנג האָט ניט געדויערט און אין ווײַטשעפּלער ייִדישן פֿאָלקס־מויל האָט דער זשורנאַל שוין באַקומען אַ נאָמען: „שטענצלס העפֿטלעך".

שפּעטער־צו, איז פֿון די „העפֿטלעך" געוואָרן אַ ריכטיקער זשורנאַל, שטענצלס לשון און לעבן, וואָס איז רעגלמעסיק אַרויס אַ יאָר פֿערציק, ביז זײַן טויט[19]. בײַ לאָנדאָנער ייִדן האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפֿן, ס'האָט אײביק געהייסן: „שטענצלס העפֿטלעך".

און שפּעטער־צו, איז פֿון די נאָכמיטיקס אויס־געוואַקסן די באַליבטע לאָנדאָנער אינסטיטוציע, די קבֿיעותדיקע ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטיקס אַלע וואָך אין ווײַטשעפּל, וואָס זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך שטענצלס פֿאַראיין „פֿרײַנט פֿון ייִדיש לשון"[20]. צענדליקער יאָרן, זײַנען ייִדישע שרײַבער פֿון איבער דער וועלט געקומען צו גאַסט אויף די לאָנדאָנער שבת־נאָכמיטיקס, וועלכע זײַנען געוואָרן איינער פֿון די באַקאַנטע „אַדרעסן" פֿון מלכות־ייִדיש. ווען שטענצל איז געשטאָרבן אין יאַנואַר 1983, האָט איבערגענומען די שבת־נאָכמיטיקס זײַן געטרײַער קאָלעגע, מאיר באָגדאַנסקי, אים צו לאַנגע יאָר, און קיין איין שבת האָט מען אויך ניט פֿאַרפֿעלט. פֿרײַנד באָגדאַנסקי איז אַליין אַ קלאַסישער מוסטער פֿון שטענצלס כּח־השפּעה. אַ גאַנץ לעבן אַ שנײַדער, האָט ער געענדיקט אַ דיפּלאָם אין מוזיק־קאָמפּאָזיציע אויף אָוונטקורסן בכדי צו קענען פֿאַרשרײַבן די נאָטן צו זײַן אייגענער געשאַפֿענער מוזיק צו די לידער פֿון הונדערטער ייִדישע פּאָעטן[21].

די ייִדיש־אינסטיטוציעס וואָס אברהם־נחום שטענצל האָט אין לאָנדאָן אויפֿגעשטעלט, און מיט זיי אָנגעפֿירט אַ גאַנץ לעבן — דער זשורנאַל לשון און לעבן, די „פֿרײַנט פֿון ייִדיש לשון", די שבת־נאָכמיטיקס, האָבן אַלע געטראָגן אַ געמישטן ליטעראַריש־פֿאָלקסטימלעכן כאַראַקטער. וואָס ווייניקער שרײַבער עס זײַנען געבליבן אין ווײַטשעפּל (מען איז „אַרויסגעפֿאָרן אָדער גע־שטאָרבן"), אַלץ מער האָט שטענצל אינספּירירט ערלעכע ייִדישע אַרבעטער צו ווערן ייִדישע לייענער און צומאָל אויך שאַפֿער.

עס דאַרף דערמאָנט ווערן אַז לאַנגע יאָרן איז געווען אַ צווייטער, „קאָנקורירנדיקער" קרײַז (כאָטש אַפּנים ניט קיין אָרגאַניזירטער), פֿון די ייִדישע שרײַבער וואָס האָבן געוווינט אין אַנדערע לאָנדאָנער געגנטן. טייל האָבן זיך געהאַלטן „העכער" איידער — ווי זיי האָבן עס אָנגערופֿן — „די שטענצעלאַריע". מער ווי אַלצדינג איז אַרײַן אין פֿאָלקלאָר פֿון ייִדישער ליטעראַטור, שטענצלס מחלוקת מיט מאַנגערן וואָס האָט געפֿירט צו אַ געריכט־פּראָצעס[22].

* * *

אַז ס'גייט די רייד וועגן שטענצלען, הערט מען אָפֿט צווישן ייִדישע שרײַבער, אַז זײַנע „בעסערע" לידער זײַנען געווען די בערלינער, בעת אין לאָנדאָן איז ער געוואָרן „זייער שוואַך". איינס איז זיכער אמת: אין לאָנדאָן, ווו ער איז געווען דער קעניג פֿון ייִדיש און קיין ערנסטע ליטעראַרישע קריטיק איז ניט געווען, האָט ער ניט „אַרומגעפֿײַלט" זײַנע לידער: אַן ערשטער אָנוואַרף איז גלײַך אַוועק צום זעצער און אַרײַן אין לשון און לעבן.

אין דער אינעווייניקסטער וועלט פֿון ייִדיש, האָט מען דעם האַרבן פּסק־דין מפֿרסם געווען אַפֿילו אין נײַעם לעקסיקאָן, ווו שטענצל איז פֿון די ווינציקע שבווינציקע שרײַבער וואָס, דעם ציטאַט וואָס מ'ברענגט וועגן זיי פֿון דער קריטיק איז היפשלעך נעגאַטיוו[23], בשעת ווען בײַ אַ סך קלענערע פּאָעטן ווי שטענצל טרעפֿט מען דעם סטאַנדאַרדן לויבגעזאַנג.

אָפֿט מאָל פֿאַרגינט מען ניט שטענצלען אַפֿילו דעם אַמאָליקן דערפֿאָלג זײַנעם אין דער סבֿיבֿה פֿון דײַטשישן (און דײַטש־ייִדישן) עקספּרעסיאָניזם

אין בערלין. אַ שמץ דערפֿון טרעפֿט מען בײַ ניט קיין קלענערן ווי מלך ראַוויטש, וואָס האָט די זאַך געגעבן צו פֿאַרשטיין אויף אָט וועלכן אופֿן: „אַז שטענצל האָט זיך באַלד נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה באַוויזן אומלעגאַל אין בערלין, זײַנען די דײַטש־ייִדישע עקסטראַוואַגאַנטע שרײַבער דאָרטן — און אין זייער שפּיץ די מלכּה פֿון דײַטש־ייִדישן ליד עלזע לאַסקער־שילער — ממש פֿאַרכּישופֿט געוואָרן פֿון אים. ער איז צו זיי ווי אַרויסגעפֿאַלן אַ לעבעדיקער פֿון אַן אַלטן ,תּלמוד־פֿאָליאַנט׳... און שטענצל איז מאָמענטאַל אַרײַנגעפֿאַלן אין זייער טאָן. אַרויס פֿון דער גמרא און אַרײַן אין עקספּרעסיאָניסטישן ווירבל־שטראָם. [...] יוסף אָפּאַטאָשו האָט מיר אַמאָל אַן אָונט לאַנג פֿאָרגעלייענט א.נ. שטענצלס לידער — מיך צו איבערצײַגן, אַז ער, שטענצל, האָט געפֿונען דעם סינטעז פֿון זוהר מיט עקספּרעסיאָניזם. קיין צענטל פֿון טפֿח ווייניקער"[24].

אַז אַן אַספּיראַנטקע אין אַן אָנגעזעענער ייִדיש־פּראָגראַם האָט אין די אַכציקער יאָרן געוואָלט אין אַמעריקע שרײַבן אַ דיסערטאַציע איבער שטענצלען, האָט מען עס אים ניט פֿאַרגונען, ווײַל די וואָרטזאָגער האָבן אים ניט געהאַלטן פֿאַר קיין פּאַסיקן פֿאָרשונג־אָביעקט.

אַכלל: מען האָט זיך געמיט שטענצלען צו דיסקוואַליפֿיצירן פֿון אַ קאַנדידאַטור אויף דער מזרח־וואַנט פֿון אונדזער פּאָעזיע, ניט דערלאָזנדיק אַז מען זאָל צוערשט אויספֿאָרשן די זאַך כּדבעי. פּסלען דאַרף מען דאָך נאָך אַ חקירה־ודרישה, ניט פֿאַר אַן אויסגאַנג־פּונקט...

אין זײַן קורצער אָבער וויכטיקער שטודיע, האָט דער יונגער פֿאָרשער יעדידע־העש גרויסמאַן ריכטיק באַטראַכט די ביטול־באַציִונג צו שטענצלען אין ראָם פֿון אַ סך אַ גרעסערער פּראָבלעם אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור־פֿאָרשונג, דהײַנו: די מאַכט פֿונעם אַלמעכטיקן „קאַנאָן"[25]. סײַ אין די „הויפּטשטראָם"־קרײַזן פֿון ייִדישע שרײַבער גופֿא, סײַ בײַ די פֿאָרשער אין די אוניווערסיטעטן, האָט מען דעם „קאַנאָן" אַוועקגעשטעלט ווי די לוחות. נאָך אַמאָל, ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל, שרײַבט מען נאָך און נאָך אַרטיקלען, עסייען, ביכער און דאָקטאָראַטן איבערן זעלביקן הײַפּעלע וואָרט־מײַסטער. ניט זעלטן קומט עס צו אַ בולטן פֿאָרשערישן דורכפֿאַל, דערמיט וואָס מען חזרט איבער „חידושי תּורה" וואָס זײַנען שוין ניט איין מאָל אַנטדעקט געוואָרן.

מען וועט אַמאָל נאָך אויספֿאָרשן דעם אויפֿקום פֿונעם קאַנאָן גופֿא. דעמאָלט וועט מען מן־הסתּם געוואָר ווערן אַז דער קאַנאָן בײַ די געלערנטע האָט זיך גענומען פֿונעם קאַנאָן פֿון די „מעכטיקסטע" שרײַבער און אָרגאַניזאַציעס. ברחל בתּך הקטנה: די באַרימטע שרײַבער וואָס האָבן געלעבט און געשאַפֿן אין איינער פֿון די גרויסע ייִדיש־מעטראָפּאָליעס ווי וואַרשע אָדער ניו־יאָרק; געהערט צו די אָנגענומענע ליטעראַרישע באַוועגונגען (און אָרגאַניזאַציעס); געווען אידעאָלאָגיש כּשר (אָדער געכּשרט), ד.ה. ניט אונטערגעזינדיקט צו פֿיל (אָדער צו שפּעט) מיט לינקיזם, אַנטי־ציוניזם, „איבערגעטריבענעם ייִדישיזם", א.אַ.וו.

בשעת מעשה דאַרף אָבער באַלד אויפֿגעוויזן ווערן אַז דער „קאַנאָן" בײַ אונדז נעמט זיך ניט נאָר פֿון די־אָ „ספּעציפֿישע" טעמים. שווער צו געפֿינען אין דער וועלט אַ ליטעראַטור וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ האַסטיקן שטערנשאָס־וועג, אַזאַ מעטעאָרישן אויפֿשטײַג, ווי אונדזער ייִדישע ליטעראַטור אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די נײַע ליטעראַטור האָט זוכה געווען צו וואָגיקע פֿאָרשונגען איבער איינצלנע מחברים, ווערק און סבֿיבֿות, אָבער צו קיין כּוללדיק בילד איז מען ניט דערגאַנגען. און מען וועט אַזוי גיך אויך ניט דערגיין. פֿאָרשער זײַנען סוף כּל סוף ניט מער ווי בשׂר־ודמס און, פּשוט גערעדט, דער סכום מאַטעריאַל לאָזט זיך ניט צעקײַען אין איין דור. גרויס, אין לשער גרויס, איז די צאָל ניט־באַקאַנטע, אומיושרדיק־פֿאַרגעסענע און באַקאַנטע וואָס זײַנען ניט דערשאַצט געוואָרן כּדבעי. עס קען גרײַלעך זײַן, אַז פֿון הײַנט ביז אין הונדערט יאָר אַרום וועט זיך ענדערן דאָס בילד, צומאָל אַפֿילו אין גײַסט פֿון

ישעיה הנבֿיאס „כל גיא ינשא וכל הר וגבעה ישפלו״[26].

* * *

אָבער איצט, צוריק צו שטענצלען און זײַן ווײַטשעפּלער פּאָעזיע. נאָך זײַן טויט האָט מען געשאַפֿן בײַ אונדז אין אָקספֿאָרד די יערלעכע „שטענצל לעקציע״, לזכר דעם באַליבטן פּאָעט פֿון ווײַטשעפּל, דער עיקר אין זכות פֿון זײַנע קנאַפּע פֿופֿציק יאָר אַרבעט לטובֿת ייִדיש אין ענגלאַנד, לכּבֿוד דעם מענטשן וואָס האָט מיט זײַן וועזן און לעבנסאַרבעט סימבאַליזירט די קולטור וואָס אין ייִדיש, דאָ, אין מלכות ענגלאַנד. אויף צו האַלטן די ערשטע שטענצל לעקציע, אין 1983, האָט מען פֿאַרבעטן דעם וועלט־באַוווּסטן ז.ש. פּראַווער, דעם מחבר פֿון אַ ריי גרונט־ווערק איבער אײראָפּעישער ליטעראַטור. אין זײַן שטודיע, וואָס איז דערשינען ווי אַ באַזונדער פּאַמפֿלעט[27], האָט פּראָפֿעסאָר פּראַווער באַלד אָנגעוויזן אַז שטענצלס ערנסטע לאָנדאָנער לידער געפֿינט מען ניט בדרך כּלל ניט אין לשון און לעבן נאָר אין די ווײַטשעפּלער ביכער וואָס שטענצל האָט אַרויסגעגעבן, ווו דער פּאָעט האָט יאָ געמאַכט אַן אָפּקלײַב און אַרומגעשליפֿן: און מער ווי אומעטום אינעם יובֿל אַלמאַנאַך וואָס שטענצל האָט רעדאַגירט (1956)[28], און אין זײַן לידער־בוך ווײַטשעפּל שטעטל ד׳בריטן (1961)[29]. פּראַווער האָט געמאַכט אַ פּרטימדיקן אַנאַליז איבערן ציקל פֿון 42 לידער א.נ. „ווײַטשעפּל״, וואָס אין יובֿל אַלמאַנאַך, און עס פֿאַרגליכן מיטן איבערגעאַרבעטן נוסח אין ווײַטשעפּל, שטעטל ד׳בריטן. פּראַווערס מסקנא:

„דער שאַפֿער פֿון די־אָ לידער איז ניט קיין הימישער צופֿעליקער דערלאַנגער פֿון גראַמען דאָ און דאָרטן: ער איז מער, אַ סך מער, ווי דער אַנגענעמער (און צומאָל אויך רוגזהדיקער) פֿאָלקסטימלעכער ייִדישיסט וואָס מען געדענקט מיט אַ גוט פֿאַרדינטער ליבשאַפֿט. ער איז אַ גרויסער און אַ פֿאַרטיפֿטער מאָדערנער פּאָעט״[30].

* * *

שטענצל האָט זיך פֿאַרמאָסטן אַרײַנפֿירן אין דער ייִדישער ליטעראַטור דעם באַגריף „ווײַטשעפּל״. טאַקע אין יובֿל אַלמאַנאַך רעדט ער אין זײַן הקדמה וועגן „אונדזערע ראשונים״, בתוכם ווינטשעווסקי, ברענער, שלום־עליכם. ער דערגייט ביז 1956, אײַנטיילנדיק די געשיכטע, כּנהוג, אין „ליטעראַרישע דורות״. די הקדמה פֿאַרענדיקט ער מיט אַ מין ווענדונג צו דער אייביקײַט:

„יאָ, עס איז דור הולך ודור באָ! אָבער מיט די שאַפֿנדיקע פֿונעם פֿאָלק איז דאָ אַן אייביקײַט און דער יובֿל אַלמאַנאַך וויל נאָר זײַן אַ שטיקל באַווײַז, אַז אויך אונדזער ייִדישער ישובֿ דאָ, ווי יונג און ווי קליין און קרישלדיק ער זאָל נישט זײַן איז ער אויך, אויף־וויפֿל־נישט־איז, מיטבאַטייליקט אין דער שעפֿערישער אייביקײַט פֿון אונדזער פֿאָלק״[31].

אַז דער ייִדישער ישובֿ אין ווײַטשעפּל גייט אונטער, וועגן דעם האָט ער זיך ניט גענאַרט. בײַ אים איז דאָס געווען אַ פּועל־יוצא פֿון חורבן. פּונקט ווי די איבערגעבראַכטע „נאַכט־תּפֿילה״ פֿון פֿישערדאָרף, ענדיקט זיך אָט דאָס ליד אויך מיט אַ שטראַל (פֿינקטלעכער: אַ שטראַלעכל). ס׳איז אָבער גאָרניט דער אייגענער שטראַל. אָט דער שטענצל טענהט זיך שוין אויס מיטן רבונו של עולם:

פּונקט אַזוי ווי די לבֿנה פֿון דער זון,
געסל דאָ געווען פֿונעם שטעטל דער אָפּשײַן,
און אַז שטעטל דאָרט אונטערגעגאַנגען איז,
האָט דאָך געמוזט דאָס געסל דאָ אויך אונטערגיין.

צי קאָן דען פֿינצטערע לבֿנה אויפֿשײַנען,
ווען אויסגעלאָשן פֿון דער זון עס איז איר שײַן?
פֿון אונדזער פֿלוצלינגען אונטערגיין איצט דאָ,
אָטאָ דאָס מסתם ס׳איז דער באַהאַלטענער מיין.

אָבער ווער בין איך דען, אַז איך זאָל פֿרעגן:
גאָט, פֿאַרוואָר, צי האָט עס דען געמוזט אַזוי זײַן?
און ווער בין איך דען צו זאָגן, מכּלומרשט:

אַז אַלצדינג וואָס גאָט טוט איז גוט, איז ווייל און
פֿײַן.

און אין די נעכט, ווען די לבֿנה איז נישטאָ,
אַ שוואַרצער אין געסל דאָ איך וואַנדל אַליין:
ווי ווונדערלעך די זון געשײַנט האָט הײַנט ווו —
כאָטש אַ שטראַלעכל, ווי דורך אַ שפּאַלט ס'פּאַלט
אַ שײַן[32].

דער אונטערגאַנג פֿון ווײַטשעפּל האָט שטענצל נאָך באַנומען פּאָעטיש און ער האָט זיך געראַנגלט מיט פֿאַרשיידענע היסטאָרישע און גײַסטיקע גורמים. צום נײַעם דור ייִדן וואָס האָבן אַלץ אַוועקגעוואָרפֿן, אַלץ פֿאַרביטן אויף אַ פּאָר פֿאַרענגלישטע „דזשויִש" זאַכענישן מיט אַ קאַפּיטשקע „היברו", צו זיי האָט ער זיך באַצויגן רק מיט ביטול. ער פֿאַרגלײַכט דעם אַמאָליקן רומל מיט דער נײַער ייִדישער „קולטור סחורה".

ווען מען איז נאָך, ווי אין דער מלחמה נאָך ברויט,
נאָך „מעניקעס יום־טובֿ בלעטער" אין ריי
געשטאַנען,
האָט מען נאָך געקויפֿט אַ „שאגת אריה", אַ של"ה,
און ספֿרי רומ"ל — ווי מצה־וואַסער געגאַנגען.
הײַנט, די אין קעגנאיבערדיקן שוי־פֿענצטער,
די מאַנעקין, האַלב נאַקעט, אין באַד קאָסטיום און
הײַבל,
מען ברויך איר נאָר די באָבע דאָבטשעס ברילן
אָנטון,
וועט זי גאַנצע נעכט לייענען די „האַלי־בײַבל".

מען קומט נאָך אַ בר־מצווה טליתל קויפֿן,
אַ ברייטן ישראל טלית פֿאַרן טויטן טאַטן,
און דאָס אויך נאָר אַזוי לאַנג, ווי מען קויפֿט נאָך,
אַ חנוכּה־קריסמעס פּרעזענט — ייִדישע פּלאַטן!
ווי אַמאָל „שיר־המעלותער" פֿאַר אַ יולדת,
איז דאָס שוי־פֿענצטער מיט קדיש־יתומס
באַהאַנגען,
מיט קידוש־לבֿנה לעטערס אין לאַטייניש — —
אָבער אויך נישט מער איצט — אַמאָל איז עס
געגאַנגען!

פּ.ס. —
אפֿשר אין „מאָדערן היברו ספּעלינג" דערלאַנגען,
וועט ווידער נאָך „דער סחורה" זײַן גרעסער
פֿאַרלאַנגען[33].

דער אונטערגאַנג פֿון ייִדישן ווײַטשעפּל דאָ אויף דער וועלט האָט דעם פּאָעט אָבער ניט געשטערט אַרויסצורופֿן צו אַלע ווײַטערדיקע דורות אַז ווײַטשעפּל של מעלה וועט אייביק בלײַבן אַ ייִדישער עיר ואם בישראל.

פּומבדיתא, קאַרדאָוואַ, קראָקע, אַמסטערדאַם,
לובלין, וואָלאָזשין, ווילנע, בערדיטשעוו און קאָצק,
של־מעלהדיק וועסט בלײַבן ווי איינע פֿון זיי,
מיט האַרעפּאַשניקעס פֿון זשיטאָמיר און פּלאָצק.

און אויב דער בלוטיקער שליאַך אונדזערער
אַצינד,
נישט דירעקט ער פֿירט ביז פֿאַר דײַן אָפֿענער
טיר — —
פֿון גרויס צער דו האָסט אַ מעשׂה דיר אָנגעטון,
ביסטו געבליבן אַ פֿאַרבלוטיקטע אין דיר[34].

אָן אַ שיער לאָנדאָנער לידער שטענצלס געהערן אָבער ניט דעם „סדר היום" פֿון דער דרײַיִקייט ייִדיש־ייִדישקייט־ווײַטשעפּל; זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ פּאָעטס שילדערונגען פֿון דער ענגלישער קרוינשטאָט, אָט ווי למשל אין זײַן ליד „טעמזע אין נעפּל":

נישט שווערע דאַמף־שיפֿן גייען אויף דער
טעמזע —
יענע זעגלען אַלץ מיט שלאַנקן מאַסט
אויפֿגעשטעלט,
די דאַמפֿנדיקע נעפּלען זיי צעפֿירן בלויז,
אין אַלע זײַטן, אין אַלע עקן פֿון דער וועלט.
נישט פֿון שיף־קוימענס זײַנען די וואָלקענעס
רויך —
אַ פֿאַרנעצטע פּיראַטן־פּייקע רויכערט זיך שווער,
און די מיטגייענדיקע פֿולע לבֿנה אויבן —

אויף אַ מאַסט־בוים די אַנגעצונדענע לאַמטער.

און די סירענעס — פֿון צווישן כוואַליעס אַרויס
ס'שטעקט אַ וואַסער־הונט אַרויסעט זײַן נאַסן
קאָפּ:
זײַן בענקעניש, אין דער צענעפּלטער שטאָט,
צעוואָיעט זיך מיט אַזאַ ווײַיק־תּאווהדיק געסאָפּ.[35]

איך דאָס פֿריער געבראַכטע „שיפֿן־רויך" פֿון פֿישערדאָרף רעדט אַרום שיפֿן, רויכן און וואַסערן. עס זײַנען אָבער ניט די זעלבע שיפֿן, רויכן, וואַסערן. דאָרטן איז עס געווען דער פֿריערדיקער שטענצל, דער פּאָעט פֿון דאָרף, ים און וואַלד, און דאָ איז דער שפּעטערדיקער שטענצל, דער דיכטער פֿון גרויסשטאָט[36].

און לאָמיר ניט פֿאַרגעסן כאָטש צו דערמאָנען אַ צווייטע דרײַיקייט אין שטענצלס שאַפֿונג, תּנך־תּלמוד־קבלה, וואָס קומט צום אויסדרוק אין ביידע פּאָעטישע תּקופֿות זײַנע. אָט די שטענצל־שאַפֿונג וואַרט אויף איר גואל[37].

* * *

לסוף, אַ ביסל זכרונות בגוף־ראשון.

איך האָב זיך באַקענט מיט שטענצלען אַז איך בין געווען אַ 19 יאָריק בחורל, זומער 1975. געוווינט האָב איך אויפֿן בוידעמשטיבל בײַם לאָנדאָנער שרײַבער י.א. ליסקי ע"ה[38]. ליסקי האָט מיך „אַרויפֿגענומען אין ווײַטשעפּל" (אַזוי פֿלעגט זיך זאָגן בײַ לאָנדאָנער ייִדישע שרײַבער) אויף אַ שבת־נאָכמיטיק. צו וואָס לייקענען, שטענצל האָט מיר באַלד אָנגעטאָן אַ כּישוף, מיר זײַנען געבליבן נאָענטע און אייביקע פֿרײַנד.

יענעם ערשטן שבת־נאָכמיטיק אין ווײַטשעפּל האָב איך זיך באַקענט מיט די שטענדיקע אַנטיילנעמער. צווישן זיי זײַנען געווען (על־פּי א"ב): בונדיסטן, סאָציאַליסטן, פּועלי־ציוניסטן, פֿרומע ייִדן (וואָס האָבן געוווינט אין געגנט און האָבן ניט געדאַרפֿט פֿאָרן בכדי צוצוקומען), ציוניסטן, קאָמוניסטן, און — איין שטענצל וואָס האָט זײַן פּאָליטיק געגעבן צו פֿאַרשטיין מיטן טערמין: „אומפּאַרטייִשער ייִדישיסט". יאָ, שיער נישט פֿאַרגעסן: געווען אויך „דער משומד", מיט קיין אַנדערן נאָמען האָט מען אים ניט גערופֿן. ער איז געווען דאַכט זיך אַ וואַרשעווער, וואָס פֿלעגט זיך גלײַך צעקריגן מיט די לינקע אין זאַל. די ווערטער „מאָסקווע" (פֿון זײַן מויל), און „משומד" (פֿון זייער מויל), האָבן זיך גענומען צעקלינגען איבערן זאַל וואָס אַ מאָל העכער[39].

אַזוי ביז ס'איז געוואָרן דרײַ אַזייגער. דעמאָלט האָט שטענצל אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש. ס'איז געוואָרן שטיל. שטענצל האָט געעפֿנט מיט אַ „דבֿר־תּורה", בדרך כּלל פֿון גמרא אָדער קבלה. ליסקי האָט געגעבן אַ קאַלירפֿולן איבערזיכט איבער דער פּאָליטיק פֿון דער וואָך. מען איז אַריבער צום פֿאָרלייענען פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. די צוויי אַלטע שנײַדער נעט רובין און אײַזיק גאָלדבערג האָבן נאָר קאָנקורירט ווער קען בעסער פֿאָרלייענען שלום־עליכמען און פּרצן. מאיר באָגדאָנסקי — אים צו לאַנגע יאָר — האָט געזונגען פֿון זײַנע נײַסטע מעלאָדיעס צו לידער פֿון ייִדישע דיכטער. צום סוף האָבן די שרײַבער, מיט שטענצלען בראש, געלייענט פֿון נײַע שאַפֿונגען. מען האָט מיר געזאָגט, אַז הלוואַי וואָלט איך געווען געקומען מיט צוואַנציק יאָר פֿריער, וואָלט איך שוין געזען אַ נאָכמיטיק. איך האָב זיי אָרנטלעך געזאָגט וויפֿל ס'איז מיר געפֿעלן אויך דעמאָלט, און בפֿרט, דאָס וואָס אַלע ייִדיש־פּאַרטייען זײַנען אַלע וואָך געזעסן בײַ איין טיש. דאָס איז געווען — שטענצלס טיש.

דער גרעסטער יום־טובֿ איז געווען, אַז ס'איז געקומען אַ שרײַבער פֿון אויסלאַנד. וויפֿל מען האָט זיך ניט געקריגט איבער מינוטן אין אַ נאָרמאַלן שבת־נאָכמיטיק (שטענצל האָט געשלאָסן די סעסיע נאָך אַנדערטהאַלבן שעה, צו דער מינוט), זײַנען אַלע געווען גרייט מוותּר זײַן פֿאַר אַ גאַסט פֿון אויסלאַנד. אַז עס איז געווען דער תּל־אָבֿיבֿער שרײַבער און פֿאַרשער אבֿרהם ליס, אים צו לאַנגע יאָר, האָט ער געפֿרעגט בײַ שטענצלען: „ווי לאַנג זאָל איך ריידן? איך האָב געאַרבעט יאָרן

לאַנג אין ראַדיאָ אין ישׂראל, און איך פֿאַרשטיי וואָס מיינט „טײַמינג׳. זאָגט, און איך וועל זיך צופּאַסן צו אײַערע באַדערפֿענישן”. שטענצל איז ניט געווען געוווינט צו אַזוינס און האָט ליסן באַלד אַ זאָג געטאָן: „אַז איר זאָגט שוין אַזוי, טאָ רעדט ווי לאַנג איר ווילט”.

און ווען מײַן פֿאָטער מעינקע קאַץ, ע״ה, פֿלעגט קומען צו מיר צו גאַסט אין לאָנדאָן, פֿלעגט ער זיך פֿרייען מיט שטענצלען און מיטן גאַנצן נאָכמיטיק, ווי ער וואָלט אַנטדעקט אַ פֿאַרלאָרן פֿלאַנעטל פֿון ייִדיש ערגעץ אין אַ הויכן היכל.

אַמאָל איז געקומען אַ גאַסט פֿון אויסלאַנד, וואָס האָט געבעטן מען זאָל דעם משומד אַרויס־וואַרפֿן. ניט קוקנדיק וואָס מערסטע האָבן מיט אים קוים אַ וואָרט גערעדט, האָט מען דעם חשובֿן גאַסט געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז בײַ שטענצלס שבת־נאָכמיטיק וואַרפֿט מען קיינעם ניט אַרויס.

איך פֿלעג אָפֿט מאַכן שטענצלען אַ סורפּריז אין זײַן חורבֿיש דירהלע, און קומען אומדערוואַרט (מיר האָבן ביידע קיין טעלעפֿאָן ניט געהאַט, איז ניט געווען וואָס צו ריידן וועגן באַשטימונגען). ער פֿלעגט אַרויסציען פֿון קעשענע דעם חשבון פֿאַר דער עלעקטרע. אויף יענער זײַט האָט ער געהאַט אָנגעשריבן אַ ליד. געלט אויף צו קויפֿן פּאַפּיר האָט ער ניט געהאַט. געשריבן האָט ער ניט מיט קיין פּען נאָר מיטן „טינט־שטעקל”, וואָס קאָסט אַ פּאָר גראָשן, און וואָס אַנדערע טוען עס ערשט אַרײַן אין אַ פּען.

מיר פֿלעגן אָפֿט צוגיין צוזאַמען צו דער דרוקערײַ אין קאַוועל סטריט, „נאַראָד פּרעס”, ווו מען האָט אים בחינם געדרוקט זײַן זשורנאַל לשון און לעבן. די סיבה דערפֿאַר — נאַראָדס פֿאָטער איז געווען דער באַוווּסטער פֿאַרלעגער ישׂראל נאַראָדיצקי (1874־1942), ביאַליקס אַ ידיד, וואָס איז געקומען אין לאָנדאָן אין 1896 אויפֿן וועג קיין דרום אַפֿריקע, דאָרטן האָט ער געהאָפֿט צו געפֿינען גענוג גאָלד אויף צו בויען אַ ייִדיש לאַנד אין ארץ ישׂראל. פֿאַרבליבן איז ער אָבער אין לאָנדאָן**. און אין זײַן צוואה איז געשטאַנען, אַז כּל־זמן עס לעבט א.נ. שטענצל, זאָל מען זײַן זשורנאַל און זײַנע ביכער — אָפּדרוקן. האָט ער געלט, האָט ער. האָט ער ניט קיין געלט, אויך גוט.

קאַוועל סטריט איז געווען אונטערוועגנס צו דער טעמזע. פֿלעגן מיר פֿון דאָרטן שוין צוגיין ווײַטער, צום וואַסער, אין אַן אָרעם פּאַרקל, ווו שטענצל פֿלעגט מיר לייענען די קאָרעקטורן פֿון זײַנע לידער וואָס וועלן אַרײַן אין נײַעם נומער לשון און לעבן.

וויפֿיל פֿרייד עס האָט מיר פֿאַרשאַפֿן די צוזאַמענפֿאַרבראַכטע שעהן אין פּאַרקל בײַ דער טעמזע, ווו ער האָט מיר פֿאַרגעלייענט די קאָרעקטורן, אַזויפֿיל טרויער, ביז צו פֿאַרשטיקטע טרערן, האָט דאָס מיר פֿאַרשאַפֿט צו זען, ווען דער נומער איז שוין אַרויס, און ער פֿלעגט אַרומגיין איבער די געסלעך און ראָגן אַליין פֿאַרקויפֿן דעם זשורנאַל. אַז ער האָט דערזען אַ ייִדן, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און מיט אַ כּמעט־בעטלערישן טאָן אַ בעט געטאָן, בזה הנוסח: „קויפֿטס אַ העפֿט”.

אַז איך פֿלעג מיט שטענצלען אַרומגיין, בעת ער האָט פֿאַרקויפֿט די „העפֿטן”, האָב איך זיך געהאַלטן פֿאַר זײַן „אַסיסטענט”. אין צווייען איז דאָך פֿריילעכער.

אַלע פֿרײַטיק האָבן מיר געגעסן וועטשערע צוזאַמען אין זײַן באַליבטער קאַפֿע — קאַרלאָס קאַפֿע אין פֿולבאַרן סטריט. בײַ די איטאַליענישע באַלעבאַטים איז קיין גרעסערער כּבֿוד ניט געווען וואָס שטענצל עסט נאָר בײַ זיי, טרינקט טיי נאָר בײַ זיי (אַחוץ שבת, נאָכן „נאָכמיטיק” ווען מען פֿלעגט גיין אין ABC קאַפֿע אין ווײַטשעפּל ראָוד). שוין איין מאָל אַ קאָנטראַסט מיטן „פּענסי־שמענסי” כשרן רעסטאָראַן אין ווײַטשעפּל, „בלומס”, ווו מען האָט שטענצלען אַרויסגעוואָרפֿן ווײַל ער האָט געהאַט געבעטן נאָר אַ שטיקל שטרודל מיט אַ גלאָז טיי און מער ניט.

אָפֿט מאָל פֿלעג איך קומען מיט חבֿרים, סטודענטן פֿון ייִדיש, באַקאַנטע, זיי זאָלן זיך מיט

שטענצלען באַקענען. טאָמער האָבן זיי ניט גערעדט ייִדיש, האָט מען זיך ניט געקענט צונויפֿריידן. ס'האָט אָבער ניט אויסגעמאַכט, זיי זײַנען שוין געבליבן באַצויבערט, פֿון אים און — פֿון ייִדיש.

אין איינעם אַ פֿרײַטיק צו נאַכטס, אין „קאַרלאָס קאַפֿע", האָט שטענצל גענומען „ריידן אַ וואָרט" מיט אַ שיין מיידל וואָס איז אַליין געזעסן בײַ אַ צווייטן טיש. איידער וואָס ווען בין איך געוואָרן דער „פּערעוואָדטשיק" צווישן זײַן ייִדיש און איר ענגליש. מיט אַ מאָל טו איך אַ קוק, ווי שטענצל, אַנשטאָט איר צו ענטפֿערן אויף עפּעס, גייט ער צו איר צו, און נעמט זייער איידל אַראָפּ בײַ איר די גאָלדענע האַלדז־באַנד. זי איז געבליבן געפּלעפֿט. אויך איך בין געבליבן געפּלעפֿט. ער האָט דאָס קייטעלע גאָר פּאַמעלינקע אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, טאַקע ווי מען לייגט אַוועק אַ טײַערקײַט.

איך האָב אים אַ פֿרעג געטאָן: „שטענצל, וואָס טוסטעו?" ער האָט ניט געענטפֿערט. ער האָט צוגעוואַרט. אין גאַנצן קאַפֿע האָט זיך געשפּירט די געשפּאַנטקײַט. אַלע האָבן צוגעקוקט — ייִדן, ענג־לענדער, בענגלאַדעשער, מעדיצינישע סטודענטן פֿון שפּיטאָל אַנטקעגנאיבער. דער קעלנער, אַ ייִד פֿון ליביע, איז ווי לוטס ווײַב געשטאַנען פֿאַרגלי־ווערט מיט דרײַ טעלער אין איין האַנט און אַ גלאָז קאַווע אין דער אַנדערער האַנט. סוף כּל סוף — ס'האָט זיך געדאַכט אַז אַוועק זײַנען שעהן און ניט קיין מינוטן, — האָט זיך שטענצל אַ הייב אויף געטאָן, זעענדיק אַז דער קעלנער גייט סײַ ווי ניט אַדורך. שטענצל האָט זיך אַוועקגעשטעלט האַרט לעבן דעם קייטעלע וואָס אויף דער פּאָדלאָגע פֿון קאַפֿע. ס'האָט זיך בײַ אים געוויזן אַ ברייטער שמייכל, ווי בײַ אַ בעל־מופֿת וואָס באַווײַזט אליהו־הנבֿיאס וווּנדיירים פֿאַר אַן עולם וואָס איז נוטה מיטגיין מיט די נבֿיאי־הבעל. עס איז אַוועק נאָך אַ שטיק צײַט, וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקײַט. אָנטײַטנדיק מיטן ווײַז־פֿינגער אויפֿן קייטעלע, האָט ער אַ זאָג געטאָן, מיט אַ ווייך־מיסטישן עלית־נשמהדיקן טאָן, מיטן ניגון פֿון זײַן שטעטעלע טשעלאַדזש:

„אָט דאָס איז ייִדיש אין הונדערט יאָר אַרום. אַזוי שיין איז עס, מ'עט עס נישט לאָזן ליגן. מ'עט עס אויפֿהייבן, אַנדערש קאָן נישט זײַן".

1) בעתן אויפֿזאַמלען מאַטעריאַלן, זײַנען ברייטהאַרציק צו הילף געקומען דינה אַבראַמאָוויטש און משה־זכריה בעקער (ייִוואָ ביבליאָטעק, נ.י.); דושיל היוז (טיילאָריאַנע ביבליאָטעק, אָקספֿאָרד); ברוך־סיני הילל (בריטישע ביבליאָטעק, לאָנדאָן); שמואל סאָלינ־דזשער (ביבליאָטעק פֿון פֿאַקולטעט פֿאַר אָריענטאַלישע און אַפֿריקאַנישע שטודיעס, לאָנדאָן). זיי אַלעמען אַ האַרציקן יישר־כּח. פֿאַרשטייט זיך, אַז די פֿולע אחריות פֿאַרן תּוכן טראָגט דער מחבר אַליין.

2) אָט דעם עקזאָטישן, מערבֿ־ייִדישן „אינדזל" האָט פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט אַנטדעקט נח פּרילוצקי: זע זײַן צום ייִדישן וואָקאַליזם, וואַרשע 1920, ז. 72, ווו עס ווערט לאָקאַליזירט: „אין בענדינער קאַנט — בענדין, סאָסנאָוויץ, מאָדזשעוו, טשעלאַדזש, א.אַ.וו.".

3) די ציטאַטן וואָס גייען ווײַטער זײַנען אויסצוגן פֿון אַן אינטערוויו וואָס איך האָב מיט שטענצלען אָפּגעהאַלטן אין ווײַטשעפּל, דעם 10טן נאָוועמבער 1978: טראַנסקריבירט לויטן מאַגנעטאָפֿאָן מיט אַ לײַכטער רעדאַקציע וואָס איז שייך צום איבערגאַנג פֿון בעל־פּה אויף בכתבֿ.

4) ר' דוד בן שלמה פֿון לעלאָוו (1746-1813), אויפֿשטעלער פֿון לעלעווער חסידות.

5) יעקבֿ יצחק החוזה מלובלין (1745-1815), פֿון די גרונטלייגער פֿון חסידות אין פּוילן און גאַליציע.

6) אָפּנים: ר' שלמה ראַבינאָוויטש הכּהן, מחבר פֿון תּפֿארת שלמה, חלק א' — וואַרשע 1867-1869; חלק ב' — פּיאָטרעקאָוו 1889 און בענדין 1910.

7) הרי"ש שטנצל, קהלת שלמה, פּיאָטרעקאָוו 1932.

8) וואָלף וועוויאָרקע (1896-1945), וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין זשיראַרדאָוו, האָט דעמאָלט געוווינט אין טשענסטאָכאָוו און איז אַוועק (בערך?) אין איין צײַט מיט שטענצלען קיין בערלין נאָך דער ערשטער מלחמה. זע זײַן ביאָגראַפֿיע אין נײַעם לעקסיקאָן, ב. 3, זז. 481-483.

9) שטענצלס ביז־דעמאָלטיקע ביאָגראַפֿיע איז אַרײַן אין זלמן רייזענס לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע, באַנד 4, ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין, ווילנע 1929, זז. 624-626.

10) „בערך" ווײַל די פֿאַרמלחמהדיקע שטענצל־ביבליאָגראַפֿיע איז נאָך אַ טענטאַטיווע. זײַנע בערלינער און לײַפּציקער ביכער זײַנען געוואָרן ריכטיקע יקר־המציאותן אויפֿן

ייִדישן ביכערמאַרק. די סאַמע בעסטע ביבליאָגראַפֿיע ביז הײַנט איז לעאָנאַרד פּראַגערס.

11) **א.נ. שטענצל**, פֿישערדאָרף, **פֿאַרלאַג און דרוקערײַ „ענערגיאַ", בערלין 1933, 104 זז.**

12) **פֿון דער ייִדישער איבערזעצונג פֿון מאַנס קריטיק, וואָס ווערט געבראַכט צום סוף פֿון דער ייִדישער אויפֿלאַגע, ז. 103.**

13) פֿישערדאָרף, ז. 77.

14) פֿישערדאָרף, ז. 60.

15) **א.נ. שטענצל**, צווישן הימל און ערד. די לידער פֿון בענקשאַפֿט און טרויער געווידמעט דעם טירגאַרטן, **פֿאַרלאַג ראובֿן מאַס, בערלין 1936, 80 זז**: פֿונדערהיים, **פֿאַרלאַג פּירשט, בערלין 1936, 78 זז**: מענדעלע מוכר ספֿרים, 1936־1836 **[עסיי פּלוס פּאָעמע], בערלין, [8] זז.**

16) „נײַע ביכער" אין ליטעראַרישע בלעטער, **באַנד 13, נ. 42, 16טן אָקט. 1936, ז. 673.**

17) **א.נ. שטענצל, „אַ מענדעלע אָוונט אין בערלין" אין** ליטעראַרישע בלעטער, **באַנד 13, נ. 3, 17טן יאַנ. 1936, זז. 33־34.**

18) **א.נ. שטענצל**, לעצטע נאַכט, **פֿאַרלאַג י. נאַראָדיצקי, לאָנדאָן 1936, 15 זז.**

19) **דעם זשורנאַל וועט מען נאָך שטודירן. אַ גאָלדענעם אָנהייב האָט געמאַכט לעאָנאַרד פּראַגער מיט זײַן אַרבעט „לשון און לעבן (לונדון), 1940־1980" אין** הגות ומעשה. ספר זכרון לשמעון ראַבידוביץ, **חיפֿה אוניווערסיטעט, 1983, זז. 135־150: זע אויך די פּאָזיציע „שטענצל" (זז. 597־599) און אַ סך אַנדערע שטעלן, אין זײַן Yiddish Culture in Britain (זע הערה 10). פּראָפֿ. פּראַגער האַלט איצטער אין רעדאַגירן אַ באַנד וועגן שטענצלען צו זײַן צענטן יאָרצײַט.**

20) **אין ניו־יאָרק אַלס סטודענט האָב איך ניט געהאַט געהערט ניט פֿון שטענצלען און ניט פֿון** לשון און לעבן. **נאָר אין איינעם אַ טאָג, בעת איך האָב אָנגעפֿירט מיט אַ קאַמף אַרײַנצופֿירן ייִדיש אין ברוקלינער פֿלעטבושער ישיבֿה אין די פֿריע זיבעציקער יאָרן, איז אָנגעקומען „פֿון דער העלער לופֿט" אַ טעלעגראַמע מיט וואַרעמע אונטערשטיצונג־ווערטער, געחתמעט: „פֿרײַנט פֿון ייִדיש לשון, לאָנדאָן".**

21) **אַ קורצע ביאָגראַפֿיע לכּבֿוד באָגדאַנסקיס אַכציקסטן געבוירנטאָג האָב איך פֿאַרעפֿנטלעכט אין** פֿאָרווערטס, **29טן יאַנואַר 1993.**

22) **וועגן דעם סיכסוך ווערט דערציילט אויפֿן שפּיץ מעסער אין יוסף הערמאַנס זכרונות אין דער** גאָלדענער קייט, **112 (1983), זז. 140־142, דאָרטן ז. 140. מיט אַ יאָר פֿינף צוריק האָט מיר דערציילט י.א. ליסקי ע"ה, אַז ערגעץ „דאַרף נאָך לעבן דער אַדוואָקאַט ד"ר אַקין" וואָס ווייס אַלע פּרטים. צריך עיון...**

23) **נ[ח] ג[ריס], „שטענצל, אברהם־נחום" אין** לעקסיקאָן פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. אַכטער באַנד. ק־ת, **אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור קאָנגרעס, נ.י. 1981, 643־644.**

24) **מלך ראַוויטש**, מײַן לעקסיקאָן. ייִדישע שרײַבערס, קינסטלערס, אַקטיאָרן, אויך כּלל־טוערס, אין די אַמעריקעס און אַנדערע לענדער. **באַנד IV, בוך II, וועלטראַט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור: תּל־אָבֿיבֿ, 1982, ז. 351.**

25) **יעידע־העש גרויסמאַן, „פֿאַרוואָס איגנאָרירן די ליטעראַטור היסטאָריקער א.נ. שטענצלען?" אין** אָקספֿאָרדער ייִדיש 1 **(1990), זז. 91־105.**

26) **ישעיה מ: ד („יעדער טאָל וועט דערהויבן ווערן, און יעדער באַרג און הייך וועט דערנידערט ווערן").**

27) S. S. Prawer, A. N. Stencl: *Poet of Whitechapel. First Annual Avrom-Nokhem Stencl Lecture in Modern Yiddish Literature, delivered before the Oxford Programme in Yiddish Language and Literature, on 4 August 1983*, Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies: Oxford 1984, 33 pp.

28) **א.נ. שטענצל** (רעד.), יובֿל אַלמאַנאַך לשון און לעבן. 1956. אונדזער בײַשטײַער צו דער פֿײַערונג: דער צוריקקער פֿון ייִדן פֿאַר 300 יאָר אין ענגלאַנד, **פֿאַרלאַג „לשון און לעבן": לאָנדאָן 1956, 232 זז.**

29) **א.נ. שטענצל**, ווײַטשעפּל שטעטל ד'בריטן, **פֿאַרלאַג „לשון און לעבן", לאָנדאָן 1961, 345 זז.**

30) **ז.ש. פּראַווער (זע הערה 27), ז. 21.**

**פֿאַרשטייט זיך, אַז ווי אין יעדער ליטעראַריש־קריטישער שטודיע, קומען צום אויסדרוק אין פּראַווערס אַנאַליז דעם מחברס שטעלונגען און פּערספּעקטיוון, וואָס אַ לייענער קען אָננעמען אָדער ניט אָננעמען. און אַז אַ וועלט־מומחה איבער ליטעראַטור אַנאַליזירט (אין גאַנצן לויטן ייִדישן אָריגינאַל) די ווערק פֿון אַ ייִדישן פּאָעט, איז דאָ אַ הווא־אמינא אַז מען זאָל דאָס כאָטש קענען נעמען אין באַטראַכט אויך אין אונדזערע ענגערע קרײַזן. לאַנג האָט אָבער ניט געדויערט, און עס זײַנען צו אונדז דערגאַנגען פּראָטעסטן אַלמאַי מיר האָבן די אַרבעט בכלל** פֿאַרעפֿנטלעכט. **אין איין פּראָטעסט־בריוו פֿון אַ קאָלעגע מעבֿר לים, שטייט געשריבן: „ס'איז אַ סקאַנדאַל. ווי קען מען אַרויסגעבן אַזעלכע רייד? וואָס וועט מען שוין קענען שרײַבן וועגן מאַנגער? און וועגן גלאַטשטיין?"**

31) יובֿל אַלמאַנאַך, **ז. VII.**

32) ווײַטשעפּל שטעטל ד'בריטן, **ז. 344.**

33) יובֿל אַלמאַנאַך, **זז. 213־214.**

34) **ערשטע צוויי סטראָפֿעס פֿון „ווײַטשעפּל ירושלים ד'בריטן", אין:** יובֿל אַלמאַנאַך, **ז. 232: ז. 112 אין** ווײַטשעפּל שטעטל ד'ברטן.

35) ווײַטשעפּל שטעטל ד'בריטן, **ז. 135.**

36) **פֿגל. פּראַווער (זע הערה 27), ז. 2 און ווײַטער.**

37) **זע למשל, פֿון שטענצלס דײַטשישער תּקופֿה, זײַנע:** און דו ביסט גאָט **(לײַפּציג 1924)**: מזל־טלה **(בערלין 1935); און פֿון**

לאָנדאָן — גלות און גאולה (לאָנדאָן 1958); ירושלים (לאָנדאָן 1948).

38) אַ ביסל זכרונות וועגן ליסקין, און דער לאָנדאָנער יִידישער שרײַבער־סבֿיבֿה האָב איך פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿאָרווערטס, 24טן מאַי, 1991, זז. 19, 25.

39) אין שפּעטערע יאָרן האָט מען מיר געזאָגט אַז ער האָט געהייסן „קרעלענבוים" אָדער „קרעלענבאָגען". ער האָט אָנגעפֿירט מיטן Mission to the Hebrews אין ווײַטשעפּל ראָוד.

40) Marion Aptroot, "Israel Narodiczky and his Whitechapel Press" in Moshe Sanders, Jewish Books in Whitechapel: A Bibliography of Narodiczky's Press, Duckworth, 1991, pp. vi-xii.




א. נ. שטענצל
געצייכנט פֿון ז. ש. פּראַווער